STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02235

HANAHLES MAYSELAKH

D. N. Mamin-Sibiriak

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מאמין־סיביריאק.

חנהלעס מעשהלאך

יידיש—ידידיה.

I.

פארלאג
„קולטור ליגע“
ביאליסטאָק.

№ 24

1921.

דרוק מ. פרושאנסקי, ביאליסטאָק.

10
10
ביאליס-
טאקער
ראיאן
קולטור
ליגע

I.

א מעשה׳לע וועגן העזעלע־גיבור, לאנגער־אויער, האסאקע־אויגן, קורצער־עק.

אַליע-ליוליע-ליולינקע!...

איין אייגעלע בײַ חנהלען שלאָפֿט, דאָס אַנדערע קוקט; איין אייערל בײַ חנהלען שלאָפֿט, דאָס אַנדערע—הערט.

שלאָף חנהלע, שלאָף, שײנינקע; די מאַמע וועט דיר מעשהלאַך דערציילן!

דאַכט זיך, אַלע זײַנען דאָ: דער קאָטער מורקע, וואָס וויל נאַשן; דאָס הינטל ראַבטשיק, וואָס מיט די קודלעס; דאָס גראָע מײַזל, וואָס אין נאָרקע; דער גריל, וואָס זיצט אונטערן אויוון און דער האָן, דער גרויסער גזלן.

שלאָף, חנהלע, באַלד וועט די מעשהלע זיך אָנהייבן!

אָט קוקט שוין די לבנה דורכן פֿענסטער; אָט שפּרינגט שוין דער קרומער האָז אין זײַנע חאָליקעס; אָט לײַכטן שוין וועלפֿישע אויגן מיט געלע פֿײַערלאַך; און דאָ זיצט רב בער אַליין און זויגט געשמאַק זײַן לאַפּע.

צום סאַמע פֿענסטער איז צוגעפֿליגן דער אַל-

טער וואָראָבײ, קלאַפּט אָן מיטן שנאָבל אין שויב און פרעגט: שוין באַלד? אַלע זיינען דאָ, אַלע וואַרטן אויף חנהלעס מעשהלאַך.

איין אייגעלע בײ חנהלען שלאָפט, דאָס אַנדערע זעט; איין אייערל בײ חנהלען שלאָפט, דאָס אַנדערע הערט.

אַליע־לוליע—ליולינקע!..

אמעשהלע וועגן העזעלע־גיבור, לאַנגער־אויער, קאַסאָקע־אויגן, קורצער־עק.

איז געבאָרן געוואָרן העזעלע אין וואַלד און האָט אַלץ געציטערט. גיט אַ טרוקענער סענק ערגעץ אַקנאַק, גיט אַ פויגל מיט די פליגלען אַ פאָך, פאַלט אַ קאָם שנײ פון אַ בוים אַראָפּ—בײ העזעלען פליט די נשמה שיר ניט אַרויס.

האָט געציטערט העזעלע אַ טאָג, געציטערט צוויי, געציטערט אַ וואָך, געציטערט אַ יאָר; דערנאָך איז ער אויסגעוואַקסן אַ גרויסער און מיטאַמאָל איז אים מיאוס געוואָרן צו ציטערן.

— איך האָב פאַר קיינעם קיין מורא ניט!—האָט

ער אויסגעשריען אויפן גאנצן וואלד.—אט איך האב קיין מורא ניט און גאר!

זיינען זיך צונויפגעלאפן די יונגע העזעלאך, האבן זיך צונויפגעקליבן די אלטע האזן, זיינען זיך צונויפגעקומען די אלטע האזיכעס—אלע הערן, ווי עס בארימט זיך העזעלע-גיבור, לאנגער-אויער, קאסאקע אויגן,

קורצער=עך. הערן און הערן און גלויבן וייערע אייגענע אויערן ניט. ס'האט נאך ניט געטראפן, אז א האז זאל קיין מורא ניט האבן.

—היי, די קאסאקער, און פארן וואלף האסטו אויך ניט מורא?

—ניט פארן וואלף, ניט פארן פוקס, ניט פארן בער —פאר קיינעם האב איך קיין מורא ניט!..

דאס איז שוין אויסגעקומען עפעס גאר מאדנע. האבן געקייכט די יונגע העזעלאך, צודעקנדיק די מארדעטש־קעס מיט די פאדערשטע לאפקעס, האבן זיך פונאנ־דערגעלאכט די גוטע אלטעטשקעס - די האזיכעס, האבן געשמייכלט אפילו די אלטע האזן, וואס זיינען שוין אויסגעוועזן ביים פוקס אין די לאפעס און פאר־זוכט דעם טעם פון וועלפישע ציין...

עפעס גאר א לעבערלאכער האז!... אך, סאר א לעבערלאכער ער איז!.. און אלעמען איז מיטאמאל געווארן פריילאך. זיי האבן אנגעהויבן זיך צו קוליען, שפרינגען, לויפן, איבעריאגן איינע די אנדערע, אט ווי זיי וואלטן אלע משוגע געווארן.

— וואס איז דא לאנג צו ריידן!—האט געשריי־ען העזעלע, וואס איז שוין אינגאנצן אריין אין קוראזש,

—ווען מיר זאָל זיך טרעפן א וואָלף, „על איך אים אליין אויפעסן!..

— אך, סאר א לעבערלאבער העזעלע! אך סאר א שוטה ער איז!

אַלע זעען, אַז ער איז אַלעבערלאַבער און א נאַרישער, און אלע לאַכן.

שרייען די האָזן ווען אַ וואָלף און—אָט איז ער, דער וואָלף אליין, דאָ.

ער איז געגאַנגען, געגאַנגען איבערן וואלד וועגן זיינע וועלפישע עסקים, האָט זיך אויסגעהונגערט און אַלץ געטראַכט: „ס׳וואָלט גוט געווען איצטער פאַר־בייסן מיט א העזעלע“! הערט ער, ווי ערגעץ גאַנץ נאָענט שרייען האָזן און אים, דעם גרויען וואָלף דערמאָנען זיי. שטעלט ער זיך באַלד אָפּ, טוט א שמעק די לופט און הייבט אָן זיך אונטערצוגנבענען...

און זיי, די האָזן, האָבן זיך אזוי פונאַנדערגע־שפּילט, אַז זיי האָבן אים גאָרניט באַמערקט. גייט ער צו נענטער—הערט ער, זיי לאַכן פון אים, און מער פאַר אַלעמען העזעלע־באַרימער, לאַנגער אויער, קאַסאָקע־אויגן, קורצער־עק.

— „איי, ברודערל,ווארט א ווײַלע, אָט דיר וועל איך טאַקע אויפעסן!"—האָט א טראַכט געטאָן דער גרויער וואָלף און גענומען אויסקוקן, וועלכער האָז בארימט זיך דאָס אזוי מיט זיין העלדישקייט. און די האָזן מערקן גאָרניט און פרייען זיך נאָך מער ווי פריער... געענדיקט האָט זיך דערמיט, וואָס העזעלע בארימער איז ארויפגעקראָכן אויף אַ קאָרטש, האָט זיך אוועקגעזעצט אויף די הינטערשטע פיסלאָך און אָנגעהויבן צו ריידן:

— הערט איין, איר ציטערדיקע פחדנים! הערט

איין און קוקט אויף מיר! אט וועל איך אייך באלד באווייזן א שפיצל!.. איך!.. איך!..

דא האט ביים באַרימער מיט אמאל אזוי ווי אפגענומען דער לשון. העזעלע האט דערזען, ווי ס׳קוקט אויף אים דער וואלף. אנדערע האבן עס ניט געזען, ער אבער האט געזען און האט ניט געקענט דעם אטעם אפציען.

ווייטער האט געטראפן עפעס גאר ניט קיין גע־וויינלאכע זאך.

העזעלע באַרימער האט א שפרונג געטאן אינ־דערהייך, ווי אפילקע, און איז פון שרעק ארויפגע־פאלן גלייך אויפן ברייטן וואלפישן שטערן. ער האט זיך אראפגעקייקלט איבערן וואלפישן רוקן, זיך נאך אמאל איבערגעקוליעט אין דער לופטן, און דערנאך געגומען שטעלן פיס אזוי, אז ער איז, דאכט זיך, גרייט געווען ארויסצושפרינגען פון דער אייגענער הויט.

לאנג איז געלאפן דער אומגליקלאכער העזעלע, געלאפן, געלאפן, ביז ער האט אינגאנצן פארלארן די כוחות.

אים האט זיך אלץ געדאכט, אז דער וואלף יאגט זיך נאך נאך זיינע טריט און אט־אט כאפט

ער אים מיט זיינע וועלפישע ציין.

צום סוף איז ער נעבאך אינגאנצן איינגעמא־
טערט געווארן, האט פארמאכט די אויגן און איז ווי
א טויטער אנידערגעפאלן אינטער א קוסט.

דער וואלף איז דערווייל געלאפן אין דער
צווייטער זייט. ווען דער האז איז ארויפגעפאלן אויף
אים, האט זיך אים אויסגעדוכט, אז עמיצער האט
אויסגעשאסן אין אים און ער איז אנטלאפן.

„ווייניק אנדערע האזן קען מען געפינען אין וואלד...
דער איז דאך עפעס גאר א משוגענער!"



לאנג נאך האבן די איבעריקע האזן נית גע־
קענט קומען צו זיך. ווער ס'איז אנטלאפן אין די קוס־
טעס, ווער ס'האט זיך באהאלטן הינטער א קארטש,
ווער ס'האט זיך אריינגעווארפן אין א גריבל.

צום סוף איז זיי מיאוס געווארן צו ליגן אין

באַהעלטעניש און זיי האָבן אָנגעהויבן אַרויסצוקוקן.

— אַי האָט ער דאָס אָנגעשראָקן דעם וואָלף, אונ־זער העלד! — האָבן אַלע געשריען — ווען ניט ער, וואָלטן מיר שוין קיין לעבעדיקע ניט אַרויס... אָבער וואו איז ער, אונזער העלד, דער גיבור?...

האָט מען גענומען זוכן.

איז מען געגאַנגען, געגאַנגען, און ניטאָ ערגעץ העלדע־גיבור. צי האָט אים אקאָרשט ניט אויפגעגעסן אַן אַנדער וואָלף? צום סוף האָט מען אים געפונען: ער איז געלעגן אונטער אַ קאָרטש און קוים געלעבט פון שרעק.

— ביסט אַ וואוילער יונג, קאַסאַקער! האָבן זיך פֿונאַנדערגעשריען אַלע האָזן אויף איין קול — אַי דו קאַסאַקער!.. דו האָסט גוט אָנגעשראָקן דעם אַלטן וואָלף. אַ גרויסן דאַנק דיר, ברודער! אַבי מיר האָבן געמיינט, אַז דו באַרימסט זיך נאָר!..

העלדע־גיבור איז מיטאַמאָל לעבעדיק געוואָרן. ער איז אַרויסגעקראָכן פון זיין גריבל, האָט זיך אָפּ־געטרייסלט, פאַרזשמורעט די אויגן און אַרויסגערעדט:

— און וואָס האָט איר געמיינט? עך, איר פחדנים!..

פֿון יענעם טאָג אָן האָט העזעלע־גיבור אַלײן אָנגעהויבן צו גלויבן, אַז ער האָט טאַקע אינדערעמתן פֿאַר קײנעם קײן מורא ניט.

II

א מעשהלע וועגן מילך, האָבערנע קאשקע און גרויען קאָטערל מורקע.

I.

אַ מאָדנע זאַך, יעדן טאָג פלעגט זיך איבערחזרן דיזעלביקע מעשה, יע, ווי נאָר מע שטעלט אַוועק אין קיך אויפן פּליטע דאָס טעפּל מיט דעם מילך און דאָס פּענדל מיט דער קאַשקע, הייבט זיך עס גלייך אָן, פאַר דעם שטייען זיי זיך אַזוי. דאַכט זיך גאָרניט, און דערנאָך הייבט זיך אָן אַ שמועס.

— איך בין מילך...

— און איך — האָבערנע קאַשקע...

פון אָנהייב גייט זיך דער שמועס שטילינקערהייט שו־שו־שו... דערנאָך הייבן אָן דאָס מילך און די קאַשקע ביסלאַכווייז זיך צו היצן.

— איך בין—מילך!..

— און איך—האָבערנע קאַשקע!..

די קאַשקע פלעגט מען צודעקן פון אויבן מיט אַ דעקל, און זי פלעגט בורטשען ביי זיך אין פּענדל, ווי אַן אַלטיטשקע, און ווען זי פלעגט אַריינגיין אין כעס, פלעגט אַרויפשווימען אין דערהייך פון איר אַ בלעזל.

עס פלעגט פלאצן און זאגן:

— אבער איך בין פונדעסטוועגן האבערנע קא־שקע... פום!..

דאס מילך פלעגט זיך פון דער דאזיקער באריי־מעריי שפירן שטארק באליידיקט... א קלייניקייט א ביסל — א האבערנע קאשקע!..

דאס מילך פלעגט זיך אנהייבן צו היצן, פלעגט זיך אויפהייבן מיט א שוים און זיך רייסן ארויסצו־קריכן פון טעפל.

הערט זיך נאר די קעכן אפ אויף א מינוטקעלע. זי גיט א קוק—דאס מילך האט זיך פונאנדערגעגאסן אויף דער הייסער פליטע...

— אך, האב איך דאס א ביסל אויסצושטיין פון דעם מילך—פלעגט זיך יעדעס מאל באקלאגן די קעכן—קערסט זיך אפ אויף איין רגעלע—עס אנטלויפט שוין.

— וואס זאל איך טאן, אז ביי מיר איז אזא היצי־קער כאראקטער—פלעגט זיך פארענטפערן דאס מילך—איך בין אליין ניט צופרידן, אז איך בין אין כעס. און דא האלט נאך די קאשקע אין איין בארימען זיך: איך בין קאשקע, איך בין־קאשקע, איך בין־קאשקע!.. זיצט זיך ביי זיך אין פענדל און בורטשעט! נו, בין איך אין

בעם געוואָרן :..

די זאַך פלעגט אַמאָל דערגיין אַזוי ווייט, אַז ניט קוקנדיק אַפילו אויפן דעקל, פלעגט די קאַשקע אויך אַרויסלויפן פון פענדל,—קריכט אַזוי אויפן פליטע און האַלט אַלץ אין איין טענהן:

— אָבער איך בין—קאַשקע! קאַשקע! קאַשקע...ששש...

אמת, דאָס פלעגט זיך טרעפן גאַנץ זעלטן, נאָר פון דעסטוועגן פלעגט עס טרעפן און די קעכן פלעגט יעדעס מאָל איבערחזרן:

— האָב איך דאָך אַ ביסל אויסצושטיין פון דער קאַשקע! און וואָס זיצט זיך איר ניט אין פענדל? אַ מאָדנע זאַך...

II.

די קעכן פלעגט בכלל זיך גאַנץ אָפט אויפרעגן, און ס'איז טאַקע געווען פאַרוואָס. וויפל האָט זי געהאַט אויסצושטיין פון קאָטער מורקע אַליין, צום ביישפיל!

יעדן פרימאָרגן פלעגט זיך אָנהייבן יעפון, וואָס מורקע פלעגט נאָכגיין דער קעכן טויש ביי־טריט און מיאוקען מיט אַזאַ יאָמערדיקן קול, אַז אַ שטיינערנע האַרץ וואָלט עס, דאַכט זיך, ניט אַר־

בערגעטראָגן.

— אָט דאָס איז אַ פּרעסער!—וואונדערט זיך די קעכן, אוועקטרייבנדיק דעם קאָטער—וויפל לעבער אליין האָט ער נעכטן אויפגעגעסן?

— דאָס איז דאָך געווען נעכטן!—וואונדערט זיך מורקע פון זיין זייט—און היינט וויל איך ווידער עסן... מיאַו — או!..

— וואָלסט כאַפּן מייז און עסן, דו פוילער!..

— יע, ס'איז גוט צו זאָגן... דו וואָלסט אַקאָרשט פּרובן אָנכאַפּן כאָטש איין מויז,—פאַרענט-פערט זיך מורקע,—איך טו דאכט זיך, וואָס איך קען. אָט, צום ביישפּיל, אויף יענער וואָך, ווער האָט אָנגעכאַפּט אַ מייזעלע? און פון וועמען איז ביי מיר אַ ראַץ איבערן גאַנצן נאָז? אָט סאַר אַ פּאַצוק כ'האָב געוועסט געהאַט אָנגעכאַפּט! יע, דאָס איז נאָר גרינג צו זאָגן:—כאַפּ מייז!..

אָנגעגעסן זיך צו זאַט מיט לעבער, זעצט זיך מורקע אוועק ביים אויוון ערגעץ אין אַ וואַרימען ווינקעלע, פאַרמאַכט די אויגן און דרעמלט געשמאַק.

— האָסט געזען, ווי ער האָט זיך דאָס אָנגע-געסן!—וואונדערט זיך די קעכן—ער האָט אַזש די

אויגן פאַרזשמורעט, דער ליידיק-גייער... און גיב אים אלץ פלייש, פלייש!

— איך בין גאָר ניט אזא צדיק, איך זאָל ניט עסן קיין פלייש, פאַרענטפערט זיך מורקע, אויפעפענענדיק נאָר איין אייגל — איך בראַקיר ניט מיט אפּישעלע אויך. ס'איז טאַקע גאנץ געשמאַק צוצובייסן א פּישעלע. כ'קען נאָך ער-היום ניט זאָגן, וואָס איז בעסער: פלייש צי פיש. פון איידלקייט וועגן עס איך אי דאָס, אי יענץ... ווען איך זאָל זיין א מענטש וואָלט איך ניט אַנדערש געוועזן אפּישער אָדער אפליישער, כ'וואָלט געגעבן עסן צו זאַט די גאַנצע וועלט קעץ, און אליין וואָלט איך שטענדיק געווען זאַט.

נאָר עסן פלעגט מורקע האָלט האָבן צו פאַרנעמען זיך מיט זייטיקע זאַכן פון אייגענעם פאַרגעניגן וועגן. פאַרוואָס, למשל, ניט אָפּזיצן א פּאָר שעה אויפן פענסטער, וואו ס'הענגט די שטייג מיטן שטאָר? ס'איז זייער אנגענעם צו קוקן, ווי ער שפּרינגט ארום דער נארישער פויגל.

— איך קאָן דיך, דו אלטער שווינדער — האָסט געשריען דער שטאָר פון אויבן — האָסט ניט וואָס צו קוקן אויף מיר.

— און וואס זאל איך טאן, אז איך וויל זיך באקאָנען מיט דיר?

— איך ווייס ווי דו באקאָנסט זיך... ווער האט אנומלט אויפגעגעסן אן אמתן, א לעבעדיקן ווארא־בייטשיקל? פוי, מיאוסקייט!..

— גאר ניט קיין מיאוסקייט, גיראד פאר־קערט. מיך האבן אלע האלט... קום צו מיר, וועל איך דיר א מעשהלע דערציילן...

— אך, דו שווינדלער... מ׳קאן דיך... א פיינער מעשהלאך־דערציילער! כ׳האב געזען, ווי דו האסט דערציילט דיינע מעשהלאך דעם געבראָטענעם הענ־דעלע, וועלכן דו האסט ארויסגעגנבעט אין קיך... מ׳קאן דיך, ברודער!

— ווי דו פארשטייסט, איך מיין דאך נאר דיין טובה! וואס געהערט זיך אָן דעם הענדעלע, האב איך אים טאקע אויפגעגעסן; נאר ער האט דאך שוין סיי ווי סיי אויף קיין זאך ניט געטויגט.

יעדן פרימארגן פלעגט מורקע זיצן ביי דער פלי־טע, וואס הייצט זיך און געדולדיק איינהערן זיך ווי ס׳קריגן זיך דאס מילך און די קאשקע. ער האט אייגנטלאך פאר קיין פאל ניט געקענט פארשטיין, אין וואס גייט דא ביי

זי.

— איך בין־מילך..

— איך בין־קאשקע! קאשקע, קאשקע, קאששש...

ניין, איך פארשטיי ניט! כ'הייב ניט אן צו פארשטיין— זאגט מורקע—צוליב וואס קריגט מען זיך? אט, למשל, איך וועל זיצן און טענהן: איך בין—קאטער, איך בין—קאטער, קאטער, קאטער... ווער קען דאס קימערן? ניין, איך פארשטיי ניט... דאס מוז איך אפילו מודה זיין—מיר געפעלט בעסער מילך, איבערהויפט ווען עס בעסט ניט.

האט זיך איינמאל געמאכט, אז דאס מילך און די קאשקע האבן זיך באזונדערס היציק געקריגט: ס'איז דערגאנגען דערצו, אז א גוטע העלפט פון זיי ביידן האט זיך אויסגעגאסן אויף דער פליטע און דערביי איז געווארן א מוראדיקער טשאד. איז געקומען צעלויפן די קעכין און פארבראכן די הענט.

— נו, וואס זאל איך איצטער טאן?—האט זי געדאגעט, אראפנעמענדיק פון פליטע דאס מילך און די קאשקע—אויף איין מינוט טאר מען זיך ניט אפקערן!..

די קעכין האט איבערגעלאזן דאס מילך און די קאשקע און אליין איז זי אוועק אין מארק איינקויפן

עסנוואַרג. מורקע האָט זיך באַלד באַנוצט דערמיט. ער האָט זיך צוגעזעצט צו דעם מילך, אַ בלאָז געטאָן אויף דעם און געזאָגט:

— איך בעט אייך, מילך, זייט ניט אין כעס...

ס'איז געווען קאָנטיק, אַז דאָס מילך האָט זיך גע-נומען באַרואיקן. מורקע האָט זיך אַרומגעדרייט אַ ביסל אַרום דעם מילך, האָט נאָך אַ מאָל אַ בלאָז געטאָן, האָט אויסגעשטעלט די וואָנצעס און אַרויסגערעדט מיט גרויס ליבשאַפט:

— אַט וואָס, ברידער... קריגן זיך איז בכלל ניט גוט. יע, קלייבט מיר אויס פאַר אַריכטער, און איך וועל טאַקע באַלד פונאַנדערקלייבן אייער עסק.

דער שוואַרצער טאַראַקאַן, וואָס איז געזעסן אין ווינקעלע, איז שיער ניט צעשפּרונגען געוואָרן פון געלעכ-טער:

— „אַט וועט דאָס זיין אַ ריכטער... כאַ־כאַ־כאַ! איי, דו אַלטער שווינדלער, וואָס ער קען צוטראַכטן!"

אָבער דאָס מילך און די קאַשקע זיינען געווען צופרידן, מע וועט סוף־כל־סוף פונאַנדערקלייבן זייער קריג. זיי האָבן אַליין אַפילו ניט געקענט דערציילן רעכט, וועגן וואָס דאָ האַנדלט זיך און צוליב וואָס זיי קריגן זיך.

— גוט, גוט, איך וועל אלץ פונאנדערקלייבן,— האט געזאגט דער קאָטער מורקע.—איך וועל זיין אָרנטלאך... נו, לאמיר אנהייבן פון דעם מילך.

ער איז עטלאכע מאל ארומגעגאנגען ארום דעם טעפל מיט דעם מילך, האט עס א טאפּ געטאן מיט דער לאפּקע, האט אבלאז געטאן פון אויבן און גענומען לאקטשען...

— גוואלד! ראטעוועט!—האט זיך פונאנדערגעשריען דער טאראקאן—ער וועט אויסלאקטשען דאס גאנצע מילך און דערנאך וועט מען זאגן אויף מיר!...

ווען די קעכין האט זיך אומגעקערט פון מארק און אַכאפּ געטאָן זיך צו דעם מילך—איז דאָס טעפל שוין געווען ליידיק. קאָטער מורקע איז געשלאָפן ביים קאמע אייוועלע מיט אַ זיסן שלאָף, אַזוי ווי ס'וואָלט גאָרניט געווען.

— אַך, דו יונגאַטש!—האָט אים געזידלט די קעכין אָנכאַפּנדיק אים פאַר אַן אויווער—ווער האָט אויסגעטרונקען דאָס מילך, זאָג?

ווי ס'האָט אים ניט וויי געטאָן, האָט מורקע זיך געמאַכט, אַז ער פאַרשטייט קיין זאַך ניט און קען קיין וואָרט ניט ריידן, ווען מע האָט אים אַרויס-

געוואָרפֿן הינטער דער טיר האָט ער זיך אַ טרייסל געֿ
טאָן, אַרומגעֿ
לעקט דאָס צעֿ
קנייטשטע פעלֿ
כעלע, אויסגעֿ
צויגן דעם עק
און געזאָגט:
— ווען איך
זאָל זיין אַ קעצין
וואָלטן אַלע
קעץ פון פרי



ביז נאַכט נאָר
געטאָן און געטֿ
רונקען מילך.
איך קען אָבער
אויף מיין קעצין
קיין פאַריבל
ניט האָבן —
די פאַרשטייט
דאָס ניט...

III.

א מעשה'לע וועגן א באבע'רע.

I.

ווי דאָס באָבעלע איז געבאָרן געוואָרן — האָט קיינער ניט געזען.

דאָס איז געווען אין אַזוניקן פרילינגס-טאָג. דאָס באָבעלע האָט זיך אַרומגעקוקט און געזאָגט:

— ס'אי גוט!..

האָט פונאַנדערגעשפּרייט דאָס באָבעלע אירע פליגעלאַך, האָט אַריב געטאָן אירע דינע פיסעלאַך איינע אָן דאָס אַנדערע, זיך נאָך אַמאָל אַרומגעקוקט און געזאָגט:

— אַי, ווי גוט!.. סאַר א וואַרימע זון, סאַר אַ בלויער הימל, סאַר אַ גרינער גרעזעלע!... ס'איז גוט, ס'איז גוט!.. און אַלץ איז מיינס!..

האָט נאָך אַמאָל אַ ריב געטאָן דאָס באַבעלע אירע פיסעלאַך און איז אַוועקגעפלויגן. פליט זי, האָט הנאה פון אַלץ און פרייט זיך. און דאָס גרעזעלע דאָרט אונטן גרינט אַזוי, און אין דעם גרעזעלע האָט זיך באַהאַלטן אַ רויט בלימעלע.

— באַבעלע, צו מיר אַהער! — האָט אַ געשריי געטאָן דאָס בלימעלע.

האָט זיך דאָס באַבעלע אויף דער ערד אַראָפּ־געלאָזט, אַרויפגעקלעטערט אויפן בלימעלע און זיך אַ נעם געטאָן טרינקען דעם זיסן בלומען־זאַפט.

— סאַר אַ גוטינקער דו ביזט, בלימעלע! — זאָגט דאָס באַבעלע, אָפּווישנדיק דאָס מיילכל מיט די פיסעלאַך.

— אַ גוטער בין איך טאַקע, אָבער וואָס קומט אַרויס דערפון, אַז גיין קען איך ניט, — האָט זיך באַ־קלאָגט דאָס בלימעלע.

— און פונדעסטוועגן איז גוט — האָט פאַרזי־כערט דאָס באַבעלע — אַלץ איז מיינס...



זי האָט נאָך נים באַוויזן צו ענדיקן ריידן, ווי ס'איז אָנגעפלויגן מיט א זשווזשע־ריי א האָריקע ערד־בין און זיך א לאָז געטאָן גלייך צום בלי־מעלע.

— זשוזש... ווער האָט זיך דאָס פאַרקליבן אין מיין בלימל אַריין?... זשוזש... ווער טרינקט דאָס מיין זיסן זאַפט? זשוזש... אַך דו נישטיקע באַבעלע, טראָג זיך אָפּ פונדאַנען! זשושוזש... טראָג זיך אָפּ, כל־זמן כ'האָב דיך נאָך נים איינגעביסן!...

— כ'פאַרשטיי נים... וואָס טוט זיך דאָ! — האָט זיך פונאַנדערגעפישטשעט דאָס באַבעלע — אַלץ איז דאָך מיינס...

— זשושוזש... ניין, מיינס!..

דאָס באַבעלע האָט זיך קוים מיטן לעבן אָפּ־געטראָגן פון דער בייזער ערד־בין. זי האָט זיך צו־

געזעצט אויף אַ גרעזעלע, האָט אַרומגעלעקט די פּי־מעלאַך, וואָס זיינען געווען איינגעשמירט אין בלומען־זאַפט און איז געוואָרן אין כּעס.

— סאַראַ גראָבע זאַך זי איז, אָט די דאָזיקע ערד־בין... פּשוט ניט צו פאַרשטיין!.. נאָך אַיינבייסן געוואָלט... ס׳איז דאָך אַלץ מיינס—די זון און דאָס גרעזעלע און די בלימעלאַך.

— ניין, זייט מוחל, — מיינס! — האָט אַ זאָג געטאָן אַ האָריקער ווערימל, וואָס האָט געקלעטערט אויפן שטענגעלע פון אַ גרעזעלע.

דאָס באַבעלע האָט גלייך פאַרשטאַנען, אַז דאָס ווערימל קאָן ניט פליען, און האָט זיך פונאַנדערגע־רעדט נאָך מוטיקער:

— זייט מוחל, ווערימל, איר האָט אַ טעות... איך שטער אייך ניט קריכן און איר אַמפּערט זיך מיט מיר ניט!..

— זייער גוט... אָט איר רירט נאָר ניט אָן מיין גרעזעלע. דעם אמת זאָגנדיק, האָב איך דאָס ניט האָלט... ווייניק פליט איר דאָ אַרום... איר זייט אַ לייכטזיניק פאָלק, און איך בין אַ ווערימל אַן ערנסטער.. איינגעטלאַך, געהערט דאָס אַלץ מיר. אָט קריך

איך אַרויף אויף אַ גרעזעלע און עס דאָס אויף, כ'קריך אַרויף אויף אַ וועלכן ניט איז בלימעלע און עס אים אויך אויף, צום ווידערזען!..

II.

אין פאַרלויף פון עטלאַכע שעה האָט זיך דאָס באַבעלע פון אַלץ דערוואוסט, דהיינו, אַז אויסער דער זון, דעם בלויען הימל און דעם גרינעם גרעזע־לע זיינען נאָך דאָ בייזע ערד־בינען, ערנסטע ווערימ־לאַך און פאַרשיידענע שטעכלקעס אויף די בלומען. הכלל, ס'איז ניט פריילאַך, דאָס באַבעלע האָט זיך אַפילו באַליידיקט. סטייטש, זי איז דאָך געווען אי־בערזיכער, אַז אַלץ געהערט איר און אַלץ איז באַשאַפן געוואָרן פאַר איר און דאָ קומען גאָר אַנדערע און מיינען אויך דאַסזעלביקע. ניין, דאָ איז עפעס ניט גלאַט... דאָס קען ניט זיין.

פליט דאָס באַבעלע ווייטער און זעט—וואַסער.

— דאָס איז שוין געווים מיינס! — האָט זי זיך פריילאַך פונאַנדערגעפּישטשעט—מיין וואַסער... אַך, ווי פריילאַך!.. פאַראַן דאָ גרעזעלאַך און בלימעלאַך!..

און אַנטקעגן דעם באַבעלע פליען אַנדערע באַבעלאַך.

— גוט מאָרגן, שוועסטערקע!..

— גוט מאָרגן, ליבינקע... מיר איז שוין טאַקע געוואָרן אומעטיק אַליין אַרומצופליען, וואָס טוט איר דאָ?

— מיר שפּילן זיך, שוועסטערקע... קום צו אונז, ביי אונז איז פריילאַך... דו ביזט ניט לאַנג געבאָרן געוואָרן?

— ערשט היינט... מיך האָט אַ ערד־בין שיר ניט איינגעביסן, דערנאָך האָב איך געזען אַ ווערימל... איך האָב געמיינט, אַז אַלץ איז מיינס, און זיי זאָגן גאָר, אַז אַלץ איז זייערס.

די אַנדערע באַבעלאַך האָבן באַרואיקט דעם גאַסט און איינגעלאַדן אים שפּילן זיך מיט זיי. האָבן זיך די באַבעלאַך איבערן וואַסער געדרייט, געפלויגן, געשפּילט. אונזער באַבעלע האָט קוים דעם אָטעם אָפּגעצויגן פון שימחה, און האָט באַלד אינגאַנצן פאַרגעסן אָן דער בייזער ערד־בין און אָן דעם ערנסטן וואָרים.

— אַך, ווי גוט! — האָט זי מיט אַנטציקונג געשעפּטשעט — אַלץ איז מיינס: די זון, און דאָס גרעזעלע, און דאָס וואַסער... כ'הייב ניט אָן צו פאַרשטיין,

נאכוואָם זיינען אַנדערע אין כּעס? אַלץ איז מיינס און קיינעם שטער איך ניט צו לעבן: פליט זיך אייך, זשוושעט זיך, לוסטיק זייט, איך ערלויב...

האָט זיך גוט אָנגעשפּילט דאָס באַבעלע, זיך לוסטיק געמאַכט און זיך צוגעזעצט אָפּרוען אויף א זומפּ-גראָז. כ'מיין — מ'דאַרף זיך דאָך אָפּרוען אויך. קוקט אַזוי דאָס באַבעלע, ווי ס'מאַכן זיך לוסטיק די איבעריקע באַבעלאַך; — ערשט מיטאַמאָל, פונוואַנען נעמט זיך דאָס — א וואָראָבייטשיק. ער גיט זיך אַזוי א שליידער, אָט ווי עמיצער וואָלט א שטיין געוואָרפן.



— אױ! אױ! — האָבן זיך פונאַנדערגעשריען די באַבעלאַך און האָבן זיך אַשאָט געטאָן אין אַלע זייטן.

ווען דער וואָראַבײטשיק איז אַוועקגעפלויגן, האָט געפעלט אַ גאַנצער צענדליק באַבעלאַך.

— אַך, דו גזלן איינער! — האָבן זיך געווידלט די אַלטע באַבעלאַך — אַ גאַנצן צענדליק ט'ער אויפגעפרעסן!...

דאָס איז געוועזן נאָך ערגער, ווי די ערד-בין. דאָס באַבעלע האָט זיך אָנגעהויבן צו שרעקן און האָט זיך באַהאַלטן מיט די איבעריקע יונגע באַבעלאַך נאָך טיפער אין זומפּ-גראָז. נאָר דאָ — איז אַן אַנדער צרה: צוויי באַבעלאַך האָט אויפגעגעסן אַ פיש, און צוויי — אַ פראָש.

— וואָס טוט זיך דאָ? — האָט זיך געוואונדערט דאָס באַבעלע — דאָס איז דאָך שוין גאָר מאָד-

נע... ס'איז דאָך גאָר ניט אויסצוהאַלטן פון זיי. פע, סאַר אַ מיאוסקייטן!..

נאָך גוט, וואָס באַבעלאַך איז געווען זייער אַ

סך און זייער פאַרמינערונג איז ניט קאָנטיק געווען. אַחוצדעם זיינען נאָך געקומען צופליען נייע באַבעלאַך, וואָס זיינען נאָר וואָס געבאָרן געוואָרן. זיי פליען און פישטשען:

— אַלץ איז אונזערס... אַלץ איז אונזערס...

— ניין, ניט אַלץ איז אונזערס, האָט אויסגע-

רופן אונזער באַבעלע. ס'זיינען נאָך דאָ בייזע ערד־
בינען, ערנסטע ווערימלאַך, מיאוסע וואָראַבייטשיקעס,
פיש און פרעש. זייט פאָרזיכטיק, שוועסטער!..

דערווייל איז אָנגעקומען די נאַכט און אלע באַ־
בעלאך האבן זיך באהאלטן אין איער, וואו ס'איז גע־
ווען אזוי ווארים. ס'האָבן זיך ארויסגעשאָטן די שטערן
אויפן הימל, ס'איז אויפגעגאנגען די לבנה, און אלץ
האָט זיך אָפּגעשפיגלט אין וואסער.



אך, ווי גוט עס איז געווען!..

„מיין לבנה, מיינע שטערן!" האָט פאר זיך גע-טראכט אונזער באַבעלע. זי האָט עס אָבער קיינעם ניט געזאָגט: מ'קען נאָך דאָס אויך צונעמען...

III.

אזוי האט דאס באַבעלע אָפּגעלעבט א גאנצן זומער. אפילע פארגעניגן איז געווען, ס'זיינען אָבער אויך געווען א פולע צרות. א פּאָר מאָל האָט איר דער פלינ-קער סטריזש שיר ניט איינגעשלונגען; דערנאָך האט זיך שטילינקערהייט א פּראָש אונטערגעגנבעט, — וויי-ניק שונאים האָבן די באַבעלאך!

עס זיינען אויך געווען שימחות.

ס'האָט באגעגנט דאָס באבעלע נאָך איינע אזא באבעלע מיט האָריקע וואָנצעלאך. און יענע זאָגט:

— ס'ארא שייניקע דו ביזט, באבעלע... לאמיר לעבן צוזאמען.

— און זיי האָבן אנגעהויבן לעבן צוזאמען, זייער גוט האבן זיי געלעבט. אלץ צוזאמען: וואו איינע—דארט דאָס אנדערע. און זיי האָבן ניט באמערקט, ווי דער

זומער איז דורכגעפלויגן. ס׳זיינען אנגעקומען רעגנס׳ קאַלטע נעכט. אונזער באַבעלע האָט אָנגעליגט איי- עלאַך, האָט זי באַהאַלטן אין געדיכטן גראָז און גע- זאָגט: ...

— אך, ווי איך בין מיד!..

קיינער האט ניט געזען, ווי דאס באבעלע איז געשטארבן.

און זי איז טאקע ניט געשטאָרבן, זי איז נאר איינגעשלאפן אויף ווינטער, כדי פרילינגס-צייט זיך פונדאסניי אויפכאפן און פונדאסניי אנהייבן צו לעבן.